בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און פודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ה' פ' חקת | כ"ח סיון | תשע"א | פסחים: ע:

# באריכט:

## בקודש פנימה

פארגאנגענעם דינסטאג אווענט בעת דער רבי שליט"א האט געוויילט אין וויליאמסבורג, זענען געקומען צום רבי'ן שליט"א הגאון רבי משה גרין שליט"א ראש ישיבה ד'מאנסי, און הגאון רבי מתתי' סאלאמאן שליט"א משגיח בית המדרש גבוה לעיקוואד, ווי די ראשי ישיבות שליט"א זענען געקומען דן זיין מיט'ן רבי'ן שליט"א בענינים העומדים על הפרק.

אויך איז געקומען האדמו"ר מ'פאלטישאן שליט"א פון בארא פארק לרגל שמחה במעונו.

נעכטן נאכט איז בשטומ"צ צום ערשטן מאהל באנייט געווארן די נייע "תנאים שטוב" בביתו נאוה קודש פון מרן רבינו שליט"א ווי עס איז פאהרגעקומען א תנאים ליינען ביי א' מאנ"ש ווי דער רבי שליט"א האט געליינט דעם תנאים.

צו מאכן א ווארט און תנאים ליינען ביים רבי'ן שליט"א קען מען רופן אויף 917-378-3387.

## הכנות לימי השמחה בחצרות קדשינו

אצינד קומען שוין פאהר די עפטיגע הכנות לימי השמחה בחצרות קדשינו – צו די חתונה פון נכדי הגה"צ אבד"ק דקהלתינו ב"פ שליט"א, החתן בן הרה"ג ר' חיים צבי מייזליש שליט"א ראש ישיבתינו בבני ברק, מיט הכלה בת אחיו הרה"ג ר' יקותיאל יודא מייזליש שליט"א דומ"ץ בקהלתינו הק' אין בארא פארק.

די שמחה וועט זיך אי"ה אנהייבן מיט די שבת אויפרוף אין בני ברק ווי עס וועלן זיך מיטפרייען די בני הקהלה מיט די שמחה בבית הראש ישיבה שליט"א.

די חתונה וועט אי"ה פאהרקומען יום ד' פ' פנחס הבעל"ט בבית מדרשינו הגדול אין בארא פארק, ווי עס וועט אי,ה געפראוועט ווערן די קבלת פנים פאר מענער, די חופה, די סעודת החתונה פאר מענער, און די מצוה טאנץ.

די קבלת פנים און סעודה פאר די נשים וועט אי"ה פאהרקומען אין די זאלן פון עטרת גאלדא אויף די 50'טע גאס.

דער שבת שבע ברכות וועט אי"ה געפראוועט ווערן בקרית מלך רב – קרית יואל בצל הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א.

מער פרטים וועגן די געהויבענע חתונה און די ימי השמחה וועט אי"ה נאכפאלגן.

*-קול רנה וישועה באהלי צדיקים-*



## הגה"צ אבד"ק דקהלתינו וויליאמסבורג שליט"א צוגאסט אין וויען, עסטרייך

נעכטן נאכט האט זיך דער וויליאמסבורגע'ר רב שליט"א ארויסגעלאזט אויף וויען ווי דער רב שליט"א וועט אי"ה זיין צוגאסט אויף שב"ק לכבוד די שמחה בבית הרבני הנגיד מוה"ר חיים לעווי הי"ו – די בר מצוה פון זיין זוהן ני"ו.

די אכסניא איז אין שטוב פונעם חשוב'ן בעל שמחה הי"ו, און דער רב שליט"א וועט זיך אי"ה אומקערן נאך שב"ק.

## מסיבה לטובת ביהמ"ד הלכה ברורה אין קרית יואל

היינט נאכט וועלן זיך אנשי שלומינו תושבי קרית יואל ווארעם באטייליגן ביי די "מסיבת החזקת בית מקדש מעט" לטובת דעם בארימטן ביהמ"ד "הלכה ברורה" אין קרית יואל, אין זאל פון קרן ויואל משה פון 7:00 ביז 12:00 אויפדערנאכט.

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**